STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06078

ZIBN ZUNEN

Leon Borovick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב באַראָוויק

לידער

פאַרלאַג „מתנות" ניו־יאָרק

תש"ם 1980

LEON BOROVICK

SEVEN SUNS

Zibn Zoonen

Poems

ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
כנרת־טאָגשול

שער־בלאַט פון חנן קיעל

צייכענונג פון דאַנאַ גפן

◆

Copyright 1980

by

LEON BOROVICK

2185 Bolton Street

Bronx, N. Y. 10462

Farlag "Matones" New York

Printed in the United States of America

כ׳קלייב צוזאַמען

כ׳זאָל חלילה
ניט פאַרזאַמען,
קלייב איך איצטער
זיי צוזאַמען,
מיינע שורות,
מיינע גראַמען,
כדי אין הענט
זיי איבערגעבן
פון געטרייע
גוטע היטער
איידער ס׳קומט
נאָך מיר דער שניטער.
מיינע גראַמען,
מיינע שורות —
אַ פאַרמעגן,
אַן עשירות:
תכלת־הימל,
זיבן זונען,
זיבן ימען,
שבעה שירים
און אַ טויב,
אַ יונה תמה.

◆

געהייליקט מיין פֿאַרשניטענער משפּחה

גזר

מיין גורל

איך בלאָנקע דאָ אום ווי אַ גר, אַ ניט־היגער,
ווי כ׳וואָלט ניט געהערט צו דער דאָזיקער וואָר;
אומזיסט איך טו זוכן נאָך ווייסטער הריגה
אַ סימן, אַ זכר, אַ שפּור פון מײַן דור.

עס דאַכט זיך מיר אָפּט מאָל, מײַן זײַן איז אַ טעות,
פאַר זינד ניט באַגאַנגען אַן עונש, אַ שטראָף;
מײַן איינציקן פרײַנד אינעם עולם־השווא,
מיין ליד, האַלב און טראַנס און האַלב וואַך, איך פאַרטרוי עס.

ערשט כ׳הער אַ קול־דממה: „פאַר ליב נעם דעם גזר
וואָס דיר איז באַשערט, און געטרײַ בלײַב דײַן שליחות,
אוד מוצל מאש, ביז וועסט סוף־כל־סוף גרייכן
דאָס לאַנד, וואו עס הויערט ניט מער שוין קיין צער״.

כ׳רוף אָפּ זיך מיט פאַרכט: „ס׳איז מײַן גורל מיר ניחא״,
און שטיל אויף אַ רמז איך ווארט, אויף אַ צייכן.

◆

אַוועקגעפלאַטערט

עפּעס נאָגט אַזוי און מאַטערט,
עפּעס טוט מיר באַנג;
ס'האָט פון מיר אַוועקגעפלאַטערט
שענסטער טרוים שוין לאַנג.

גיך און גיכער ציען יאָרן
ווילד געיאָגט פון שטראָם,
און דיין „איך" ער גייט פאַרלאָרן
אין פאַרגעס־תהום.

עס פאַרשווינדן פרייד און טרויער
אין געאײַל צום ברעג;
ס'ווערן דײַנע האָר אַלץ גרויער
אינעם ווײַסט געיעג.

האָנט געהיימע מאָלט געפּאָרן
איבער מײַן געצעלט,
פּחד־זעאונגען, קאָשמאַרן
פון אַ טויטער וועלט.

קומען בילדער מיר אַנטקעגן
פון מײַן אַלטער היים;
ווײַסט אַזוי די וועגן, שטעגן,
ס'וויינט איעדער שטיין — — —

עפּעס נאָגט אַזוי און מאַטערט,
עפּעס טוט מיר באַנג;
ס'האָט פון מיר אַוועקגעפלאַטערט
שענסטער טרוים שוין לאַנג.

זייט מוחל

ס׳איז ניט באַשערט געווען מיר, ברידער מײַנע,
צו גיין מיט אײַך דעם קרבן־וועג צום פלאַמענדיקן שײַטער;
באהבה כ׳בין מקבל אַלע פּײַנען,
און בעט, זײַט מוחל מיר מײַן זינד פון זײַן פון אײַך דערווײַטערט,

פון אָפּקומען מיט איכה־רייד, מיט פרעגן
צי ווערט איך בין צו זײַן אײַער מקונן און באַוויינער,
און יוצא זײַן מיט זוכן אויף די וועגן
אַ סימן מינדעסטן פון אײַערע פאַרברענטע ביינער.

ס׳איז ניט באַשערט געווען מיר, ברידער מײַנע,
צו גיין מיט אײַך דעם קרבן־וועג צום פלאַמענדיקן שײַטער,
באהבה כ׳בין מקבל אַלע פּײַנען,
און בעט בײַ גאָט, כ׳זאָל אָנקומען אין אײַער גבול געלײַטערט.

אין הייל

שומר, מה מלילה,
שומר, מה מליל?
שטילע יאָמערקלאַנגען
הילכן אָפּ אין הייל.

גליווערט שרעק אויף מײַלער,
אין פאַרבראָך — די הענט;
שומר, מה מלילה?
פרעגן שטום די ווענט.

„דרויסן — תהומען אָפן",
ווינקען שאָטנס באַנג;
דאָך אַ פונק פון האָפן
טיף אין הארצן צאַנקט.

פאַרכטיק ליפּן מורמלען:
„גאָט, אַ נס באַשער,
ראַטעווען קענסטו נאָר,
דו, און קיינער מער.

האָבן מיר די זינדער
רחמים ניט פאַרדינט,
שטראָף זשע ניט די קינדער,
עופהלער אָן זינד".

— זע, ס'ברענגט אום דער בייזער
שונא יעקבס שטאָם;
קום, אָ, קום, דערלייזער,
גואל, ניט פאַרזאַם.

אויף פרעמדער ערד

פון די שאָף מײַנע דער זכר —
אַלץ וואָס איך פאַרמאָג;
כ׳זע אַ שריפט „על אדמת נכר
אויסגיין וועט דײַן טאָג״.

ס׳קען ניט מער קיין איכה־טענה
שטילן מיר מײַן וויי;
כ׳בין מיט זיי, די קדושים מײַנע,
וואו איך שטיי און גיי.

אַן אַנטרונענער פון שײַטער,
פאַרכטיק תּפילה כ׳טו,
זײַן איך זאָל, אָ, גאָט, געלײַטערט
ביז מײַן שעה פאַלט צו,

אָפּגעשיידט — אַ לאַם — כ'זאָל ווערן,
ריין, אָן מינדסטן פּגם,
אין די רחמימדיקע ספערן,
וואו עס רוט מײַן שטאַם,

ווײַט פון וועלט פון קינאה, שינאה,
פרײַ פון אַנגסט און צער,
אונטער פליגל פון דײַן שכינה
הייליקער, מײַן האַר.

◆

וואוהין?

ווילד־געיאָגט
פון אומרו־סטיכיע,
איך וואַנדער אום
אָן ציל, אָן זין;
עס ציען מיך
די טריט די גיכע
ווער ווייסט, ווער ווייסט
וואוהין.

◆

זיבן זונען

מײַן שעפּעלע, ביסט פרי
אזוי פון מיר אנטרונען.
וואו זאָל איך זוכן דיך,
אָ, שעפּעלע מײַן קליין,
אז כ׳האָב דערגרייכט שוין באַלד
דאָס לאַנד פון זיבן זונען
און ניט געפונען אַלץ
קיין שפּור פון דײַן געביין?

◆

פאַרעטש

אַ מזמור דיר, מײַן שטעטעלע, מײַן קליין,
אַ מזמור דיר, מײַן חרובער גן־עדן ;
אין צער געהילט, מקנא כ'בין דעם שטיין,
וואָס טרײַ באַוואַכט דעם אוהל פון מײַן זיידן.

זינט ס'האָט פאַרטראָגן מיך אַהער דער ווינט
ביסט קיין מאָל ניט געווען אַזוי מיר אייגן ;
גייסט אויף פאַר מיר מיט גאָר דײַן חן אַצינד,
ווען ס'נעמט מײַן זון צו מערב־זײַט זיך נייגן.

עס מיניען דײַנע בערג זיך ליכטיק־ברוין,
אויף פעלדער דײַנע רײַפן ווייץ און קאָרן ;
און ס'טוט די זון, אַ פלאַמענדיקע קרוין,
זיך שפּיגלען אין דײַן טײַך דעם לויטער־קלאָרן.

אַ, כ'וואָלט אַ שטראַל איצט זײַן, וואָס קושט דעם שטויב
פון דײַנע געסעלעך, פון דײַנע לאַנען,
אַ טוי־טראָפּן, וואָס פאַלט אויף פענצטער־שויב
פון שטיבל, דאָרט וואו ס'איז מײַן וויג געשטאַנען.

ס'הילט גרינער וואַלד דיך אום פון ראַנד ביז ראַנד,
ווי כ'פלעג אים ליב האָבן אין טעג פון תּמוז!
כ'האָב שטאָלץ אַזוי אויף ערד דײַנער געשפּאַנט
און ניט געאַנט, אַז שיידן וועט דער ים אונדז.

כ'האָב יונג אַזוי אויף ערד דײַנער געשפּאַנט
און תּמימותדיק געגלייבט, ס'איז אַלצדינג מײַן דאָ,
ביז כ'האָב דערזען די אויפשריפט אויף דער וואַנט:
„ס'נעמט לעשן זיך דער עיגול פון דײַן זײַן דאָ".

אָ, שטעטלע מײַן קליין פון פוילן־לאַנד
באַגלייטסט אַ פײַערזײַל, מײַנע מעת־לעתן;
זאָל ווערן אָפּגעדאַרט מײַן רעכטע האַנט,
אויב כ'וועל אָן דיר, פּאַרעטש, מײַן היים, פאַרגעסן.

צייכענונג פון דאַנאַ גפן

ליד פון אַ פּליט

און אויב אַזוי איז מיר באַשערט,
איך בין דעם גורל זיך מכניע,
כאָטש ס׳איז מיין לעצטער טרוים צעשטערט
און אויף מײַן הימל וואָלקנס ציען,

כאָטש ס׳גליט אין הארצן נאָך די וואונד
און טיפער נעמט די בענקשאַפט נאָגן;
איך וואָגל אום אַ וואַגאַבונד,
און ווייס ניט וואו מײַן שעה וועט שלאָגן.

דאָך זאָל אַצינד אַ חלום העל
אַהין צו היים מײַנער מיך טראָגן;
אַ מידער פון נסיונות כ׳וועל
דאָרט צו די ווענט „גוט מאָרגן” זאָגן.

פאַרבענקט כ׳וועל צופאַלן צו זיי:
„בײַם אָנדענק פון מײַן מאַמע נעשע
כ׳שווער, פרײַנד מײַנע, איך בלײַב אײַך טרײַ
ביז וואַנען ס׳וועט מײַן טאָג זיך לעשן”.

אָט ווײַזט זיך קלאָר דאָס אַלטע הויז
מיט שינדלדאַך פאַר מײַנע אויגן;
טאַ, פיר זשע, חלום, מיך פאָרויס,
עס שטייט אַ ווערבע דאָרט געבויגן.

זיך צוטוליען איך וועל צו איר
שטיל־שטיל, געהילט אין טראַנס־תרדמה,
און זי וועט דאַן מיט פרייד אָן שיעור
מיך שטומערהייט באַגריסן לאמר:

„געגאַרט איך האָב צו דיר אַזוי
זינט האָסט אונדז אין געאײַל פֿאַרלאָזן,
ווי ס׳גאַרט דאָס פֿעלד צום מאָרגנטוי,
צום שטראַל פֿון זון — די בלומען, גראָזן.

אַז ס׳האָט דער בייזער שטורעמווינט
פֿון דאַנען ס׳טײַערסטע פֿאַרטראָגן,
איז וויסט אַזוי געווען און ווינד,
און ס׳פֿלעגט איעדער שטיין דאָ קלאָגן”.

— „טאָ בלײַב מיט אונדז אויף תּמיד דאָ,
— ווי כ׳וואָלט געהערט אַ שטילן ציטער —
און זאָל אַ פֿרייד נאָך שטראָמען דאָ,
אויף אונדזער היימערד גרין-צעבליטער”.

— אָ, ניין כ׳מוז זײַן פֿון אײַך צעשיידט.
— דאַן וועט פֿאַר צער מײַן שטאָם פֿאַרדאַרן
— איך זע, עס קוקט אַרויס דער טויט
פֿון אַלע ווינקעלעך און שפּאַרעס — —

איז אויב ס'איז וואָגלען מיר באַשערט,
אויף וועגן וועלטישע צו שפּאַנען,
באַגלייטן מיך דער חלום וועט
פון פעלדער היימישע און לאַנען,

פון שטיבל דאָרט וואו מאַמעס האַנט
פלעגט צאַרט אין וויגל מיך פאַרוויגן
פון שטעטל דאָרט אין פוילן־לאַנד
וואו אויפגעגאַן עס איז מײַן ניגון,

וואו יעדן בוים איך האָב פאַרטרויט
מײַן ערשט־דערוואַכטן יוגנט־ציטער,
וואו כ'האָב אַ נעסט זיך אויסגעבויט
און ס'האָט צעשטערט זי דער געוויטער.

בדחילו ורחימו

אָ, ברידער מײַנע, הירשקע, שלמהלע, אברהמל,
כ׳דערמאָן בדחילו ורחימו אײַך אַצינד;
פאַרלאָשן האָבן חיות רעות אײַערע לעבנס
און ס׳האָט איעדן שפּור פון אײַך פאַרווייט דער ווינט.

אוי פעלט איר אוים מיר, ברידער מײַנע אָפּגעשיידטע,
עס איז מײַן בענקשאַפט טיפער נאָך פון טיפסטן ים;
פאַרגיט מיר פאַר ניט גיין מיט אײַך צו דער עקדה,
פאַרגיט מיר פאַר זיך ראַטעווען פון שײַטערפלאַם.

ווי וואויל איך זײַט פאַרהילט אין נצחדיקן שלומער,
פאַרנעם איך קלאָר אין חצותן אײַער לעצט געוויין;
באַוויליקן זאָל דער רבונא דעלמא כולא
מײַן וואונטש, צו זײַן כאָטש אײַער זכר ווערט.
אמן.

פון תהומות

איך האָב די־נאַכט געזען דעם טויט,
געזען אים פאַר די אויגן;
מיט שוואַרצע ריזן־פליגל צוויי
איז ער צו מיר דערפלויגן.

— פאַרנומען כ׳האָב דײַן ווײ־און־ווינד,
אָ, שריד פון אַן אומה,
פון די תהומות, מענטשנקינד,
איך בין צו דיר געקומען

ממלא זײַן דײַן וואונטש־באַגער
און ברענגען דיך, בן־אדם,
אַהין, וואו ס׳הויערן ניט מער
קיין אַנגסטן שוין, קיין פחדים.

— ניין, ניין, איך בין ניט גרייט אַצינד
מיט דיר אַהין זיך טראָגן.
— שטיי אויף און קום מיט מיר געשווינד,
דיין שעה זי האָט געשלאָגן.

עס עפ׳נען מיינע אויגן זיך.
איך קוק זיך אום: וואו בין איך?
„כ׳ברענג פרידן דיר״, טוט גריסן מיך
אַ לויטערער באַגינען.

◆

דו פעלסט מיר אַזוי

געהיילקט מײַן שוועסטערס זון,
אברהם בן חיים ושרה.

אַבראַשעלע מײַנער,
נשמהלע ריין,
וואו ביסטו פאַרשוואונדן,
מײַן יינגעלע קליין?

כ׳בין איינזאַם, אַליין דאָ
אין רויש, אין ווירוואַר,
אין טומעל פון גרויסשטאָט,
אַליין מיט מײַן צער.

כ׳גיי אום דאָ אַ פרעמדער,
פאַרעלטערט און גרוי;
און עלנט אין מײַנעם
דו פעלסט מיר אַזוי.

איך וויים, ווּעסט ניט קומען,
דאָך וואַרט איך און וואַרט
פון זינט ביסט פאַרשוואומען,
אָ, זונעלע צאַרט.

אַבראַשעלע מײַנער,
דו פעלסט מיר אָן שיעור;
מיט בענקשאַפט די שורות
כ׳טו הייליקן דיר.

מיין טרויער

מיינע אַלע רמ״ח איברים
זיי וויינען און קלאָגן
אויף דיר, מייַן פאַרשניטענע וועלט ;
ס'איז מייַן טרויער אַ שאָטן,
וואָס וויסט אַזוי הויערט,
אַ וואָלקן, וואָס זונשייַן פאַרשטעלט.

◆

ווי קען איך?

ווי קען איך אריבער צום סדר היום
נאָך אוישוויץ, טרעבלינקע, פּאָנאר און מאידאַנעק,
ווי קען איך, ווי איר, זײַן אַ טייל דאָ פון שטראָם,
אַז כ׳זע נאָך די גריבער, די בונקערס, די פלאַמען?

ווי קען מיר דאָ אײַנגיין די ליכטיקע שײַן,
ווי קען, כ׳פרעג, דער ביסן זײַן זיס צו מײַן גומען,
אָ, פרײַנד, מײַנע פרײַנד, אַז טאָג־אויס און טאָג־אײַן
טוט נאָכגיין מיר ס׳יאָמער־געשריי פון מײַן אומה?

ממעמקים

ס׳גייט אין שעה אין איינזאַם־טריבער
אויסשוויץ אויף פּאַר מיר;
ווייַזן פּאַר מייַן אויג די גריבער
זיך, די בונקערס פּיר.

קלאָר כ׳דערקען די לאַגערוועגן,
די באַראַקן־ריי;
כ׳טו מיט ווי די שטיינער פרעגן:
„זאָגט, וואו זייַנען זיי,
מייַנע הייליקע און ריינע
שעפּעלעך, אָ, וואו?"

ווינקען טרויעריק די שטיינער:
„שטער ניט זייער רו".

פּלוצעם כ׳זע, אַ ליידיק וויגל
וויגט אין לופט זיך אום;
כ׳פּליסטער ווידוי. אַ באַפליגלט
דמות מיך נעמט אַרום.

— „זאָג ווער ביסטו?" כ'פרעג מיט ציטער,
אַנענדיק מײַן סוף;
— „בין דער שומר דאָ, דער היטער
פון די טויטע שאָף".

כ'קוק זיך אום; אַליין כ'בין ווידער
אינעם קדושים־תחום;
— „שפּרייט דײַן גנאָד אויף מײַנע ברידער,
בורא", כ'תּפילה שטום.

— „זײַ דײַן שליחות טרײַ לעת־עתּה",
רופט אַ קול אַזאַ,
און מײַן האַרץ עס פלאַטערט, פלאַטערט
ווי אין ווינט אַ זאַנג.

כ'פאַל מיט פאָרכט צו דר'ערד אַנידער,
אַ געיאָמער כ'הער;
פּחד־פראָסט שפּיזט דורך די גלידער
מיר, פאַרגליווערט כ'ווער.

פונעם טראַנס כ'וואַך אויף צעפּיבערט.
אין מײַן אויג אַ טרער;
ממעמקים כ'רוף: „אָ, ליבער
גאָט, ניט שטראָף מיך מער".

כ׳וואָלט וועלן דאַנקען

כ׳וואָלט וועלן דאַנקען דיר, אל שדי, פאַר די חסדים,
וואָס טוסט מיט מיר איעדער רגע פון מעת-לעת;
אויב ס׳ציט זיך נאָך מײַן ציטערדיקער לעבנס-פאָדעם,
וואָס קען נאָך קלאָרער, וואָרער זײַן ווי דער אַ נס?

כ׳וואָלט וועלן דאַנקען דיר מיט לויטערער כּוונה,
מיט ריינסטער גלייביקייט, מיט תּמימות פון אַ קינד;
נאָר יעדער מאָל, ווען כ׳טו מיט פאָרכט דײַן שם דערמאָנען,
איך זע, פון ערגעץ קומען דמותן אָן געשווינד.

זיי רינגלען מיך ארום און מאָנען שטום: דערקען אונדז!
איך בלײַב פאַרציטערט און ס׳נעמט וואַרפן מיך אין קעלט;
— „געדענקסט, געשוואָרן האָסט, אויב וועסט פאַרגעסן וועגן אונדז,
פאַרגעסן ווערן זאָל דײַן נאָמען פון דער וועלט,

ווען ניט באַשערט איז אונדז געווען, ווי דיר, די זכיה
אַרויסצוגיין פון אוישוויץ כּף-הקל אָן פּגם".
האָסט, צור-עולמים, צוגעזען אַלץ און געשוויגן,
און אומקומען געלאָזט אַזוי אַ גאַנצן שטאַם.

אָ, עפֿן די אויגן מיר, איך זאָל אין פֿולסטער קלאָרקייט
דערזען די וועגן דײַנע, אַלגעבענטשטער גאָט,
באַשער, עס זאָל דײַן שכינהס רחמימדיקע צאַרטקייט
ניט זײַן פֿאַר מיר בבחינת רעטעניש און סוד,

כ'זאָל קענען לויבן דיך אָן פּניות, אָן גענאַרטקייט,
מיט רצון ערלעכסטן, מיט ליבשאַפֿט לויטער־העל,
און דיר געטרײַ בלײַבן, דערבאַרעמדיקער היטער,
ווי דו געבאָטן האָסט: מיט גאַר מײַן האַרץ און זעל.

◆

ביז סוף פון מיינע טעג

פאַר וועמען ס'איז פון קריג קיין סימן שוין ניטאָ מער,
ווי ס'וואָלט פאַנאַר אַ חלום בלויז געווען;
ס'באַגלייט מיר נאָך אַצינד מײַן פאָלקס געיאָמער,
מײַן פאָלקס געבעט, עס זאָל אַ נס געשען.

פאַר וועמען ס'איז דער פלאַם שוין לאַנג פאַרלאָשן,
מיך נעמט אַ העלקייט בלענדיקע אַרום;
כ'זע, ברענענדיקע בתּים פון של־ראשן
אין געטאָ דאָרט אין לופט זיי שוועבן אום.

ווער ס'איז פאַרוויגט שוין לאַנג אין טרייסט־תּרדמה —
געהילט אין אַנגסט איך פרעג מה ילד יום?
— ס'וואַרט רו אויף דיר, הילכט אָפּ אַ שטים געהיימע,
אין שלווה־לאַנד אויף יענער זײַט תּהום.

איך גיי אַ שאָטן אום אין טאָל פון יאָמער,
פאַר וואָר, שוין לאַנג געשלאָגן האָט מײַן שעה;
מיט אַלע פיבערן פון מײַן נשמה
כ'געהער צום דור מײַנעם, וואָס שוין ניטאָ.

ווער ס'האָט געמאַכט מיט קין־פאָלק שוין שלום,
פאַרגעבן אים זײַן בלוטיקן מאַרשרוט;
כ'הער יעדער נאַכט מײַן זיווגס קול אין חלום:
ניט שווײַגן זאָלסט פאַר מײַן פאַרגאָסן בלוט.

איז מעגן טעג ווי זוניק זיך צעהעלן
און מעג די ערד צעבליען זיך ווי גרין —
ס׳טוט גאָר דאָס ליכט מאַידאַנעק מיר פאַרשטעלן
און ס׳זעט מײַן אויג נאָר חורבן און רויִן.

ווער עדות זאָגט אויף לאַנד פון וויסטן רשע:
ס׳איז כּלומרשט נײַער דור דאָרט גוט און פרום —
כ׳שווער, אָפּגענומען ווערן זאָל מיר ס׳לשון
און זאָל מײַן מויל אויף אייביק בלײַבן שטום

אויב אויפהערן כ׳וועל ווען-ניט-איז צו מאָנען
אַ חשבון פאַר מײַן אומגעבראַכטן שטאַם,
אַ חשבון פאַר די שעפּעלעך מיליאָנען
וואָס אויסגעגאַנגען דאָרט אין שײַטערפלאַם.

פאַר ווען ס׳איז קיין זכר-שפּור ניטאָ מער,
קיין צייכן פון די קדושימס לעצטן וועג;
עס וועט מײַן אומהס ניט-דערהערט געיאָמער
באַגלייטן מיך ביז סוף פון מײַנע טעג. —

◆

איך זוך אַ שפּור

די וועגן וויסט.
איך זיך אומזיסט
נאָך אַלץ אַ שפּור
פון מײַנע שאָף;
עס לעכצט נאָך רו
מײַן יעדער גליד,
זאָל זײַן די רו,
וואָס מיינט גאָר: סוף.

די רו, וואָס מיינט
גאָר: סוף פון סופן,
און אייביקע: ספערן
אָפּגעשיידט;
וואָס מיינט: באַלוין
פאַר אַלע שטראָפן
אין מלכות דאָרט
פון לויטער פרייד.

כ׳בין מיד אַזוי,
באַשעפּער מײַן,
פֿאַר וואָר, כ׳וואָלט זײַן
אַ דומם־זאַך ;
אַ שטויבל גרוי,
אַ טראָפּן טוי,
אַ מינדסטער שטיין,
וואָס קיין מאָל וואַך . . .

די וועגן וויסט,
איך זוך אומזיסט
נאָך אַלץ אַ שפּור
פֿון מײַנע שאָף ;
עס לעכצט נאָך רו
מיין יעדער גליד,
זאָל זײַן די רו
וואָס מיינט — אין־סוף.

ביים שיידוועג

מײַן ציגעלע מײַן ווײַס — פֿאַרשוואונדן וואו,
מײַן פּאַווע גילדענע שוין לאַנג פֿאַרפֿלויגן;
באַלד קומען וועט די לײַטזעליקע רו
און שטילערהייט מיר צומאַכן די אויגן

און ברענגען מיך אויף אירע פֿליגל בלאָ
אַהין דאָרט צום געגאַרטן לאַנד פֿון אמת;
איך שטיי אַזוי בײַם שיידוועג שעה נאָך שעה
און וואַרט הכנעהדיק אויף מינדסטן רמז.

עס נעמט זיך לעשן לעצטער טראָפּן שײַן,
די נאַכט פֿאַלט צו אַ נעפּלדיקע, קילע;
ס'ווערט שטיל אַזוי, אַז שטילער קען ניט זײַן,
און אַלץ אַרום פֿאַרזינקט אין שטומער תּפֿילה.

◆

אָן אַ היים

ס'איז די וועלט אַ רחבותדיקע, גרויסע
און פאַר מיר עס איז קיין ווינקעלע ניטאָ;
אָן אַ היים, פאַרוואָגלט און פאַרשטויסן,
ווים איך דען וואו שלאָגן וועט מײַן לעצטע שעה?

פון מײַן עדהם סוף אָן עד־ראיה,
כ'בלאָנקע דאָ ווי אויף אַ בית הקברות אום;
ס'רײַסן ווינטן פון דיביימער קריעה
און די פעלדער אויפן חורבן קלאָגן שטום.

ס'איז גאָטס וועלט אַ רחבותדיקע, גרויסע,
נאָר פאַר מיר עס איז קיין ווינקעלע ניטאָ;
אָן אַ היים, פאַרוואָגלט און פאַרשטויסן,
ווים איך ניט וואו שלאָגן וועט מײַן לעצטע שעה.

◆

האַרבסט

חשוון-אָוונט כמאַריק-טריבער.
רעגן טראָפּנט, טראָפּנט פֿויל;
אין די ווינקלען פֿון מײַן צימער
שאָטנס שפּרייטן פּחד-גרויל.

ס'שטאַרט אין פֿענצטער דרויסן גרויער.
איינזאַם דרימלען פֿעלד און בוים;
ס'הילט נשמה מײַן אין טרויער
ס'וועלקט מײַן לעצטער-לעצטער טרוים.

אשר ליטמאַנאָוויטש

צוואה *

פלי, מײַן ליד, פון ווינטן שנעלער,
טראָג זיך הויך אין הימלרוים;
לויף געשווינד פון ענגן קעלער,
שנײַד די דראָטן פונעם צוים.

אַז דו וועסט בשלום גרייכן
ס'שיינע לאַנד וואו פרײַהײַט בליט,
וואו עס שײַנט די זון פאַר יעדן,
וואו מײַן ברודער לעבט אין פריד,

זאָלסט אים, ליד מײַנס, איבערגעבן
מײַן גערוס וואָס קלינגט אַזוי:
שוין פאַרשוואונדן איז מײַן לעבן
ווי אַ לײַכטער זומערטוי.

דורך דעם פענצטער דורך דעם קליינעם —
פאַר די אויגן איז מיר שוואַרץ;
פליסן טרערן און געוויינען
פון אַ בלוטיק יידיש האַרץ.

---

* געשריבן פון מיין בן־עיר, דעם פרי־פאַרשניטענעם קדוש, אשר ליטמאַנאָוויטש.

◆

צו דיר

◆

געהייליקט באַשעלען

צו דיר

שטיל אַזוי און שטוב בײַ מיר,
ס'עפנט קײנער ניט די טיר,
כ'רוף אין אײנזאַמקײט צו דיר,
כאָטש װעסט קײן מאָל ניט דערהערן.

זײַט דו ביסט פון מיר צעשײדט,
זײַט עס איז דײַן אַש צעזײט
און עס האָט דער װינט פאַרװײט
דײַנע טרוימען און באַגערן.

נאָר עס דוכט זיך מיר גאָר אָפט,
װעסט אויפװאַכן פון דײַן שלאָף,
װעסט נאָך קומען אומפאַרהאָפט
און דעם טרויער מיר צעשטערן.

ס'דוכט, װעסט אויפמאַכן די טיר
שטיל, ניט דרײסט, אַזוי װי פריער,
און דאַן צופאַלן צו מיר
און אין פלאַם פאַרװאַנדלט װערן.

ס'ווערט מײַן חלום קלאָרסטע וואָר,
ס'גלעט דײַן האַנט איצט מײַנע האָר.
דײַנע ליפּן שעפּטשען קוים:
„כ'ווייס, פאַרבליבן כ'בין דײַן טרוים.

כ'ווייס, דו האָסט אויף מיר געוואַרט,
כ'ווייס, דו האָסט צו מיר געגאַרט,
ס'האָט דײַן פּײַן מײַן רו געשטערט
און גערירט מיך פון דער ערד" — — —

כ'הער אין שלומער דײַנע רייד:
„קום דערזינגען אונדזער ליד,
קום, עס וואַרט אויף אונדז אַ פרייד
וואָס וועט קיין מאָל ניט אויפהערן" . . .

כ'בלײַב מיט גאָר מײַן זעל דיר טרײַ
ביז דער חלום וועט פאַרבײַ,
ביז כ'וועל גרייכן ספער פון שײַן,
און ווי דו אַ שטערן ווערן.

שטיל אַזוי אין שטוב בײַ מיר,
ס'עפנט קיינער ניט די טיר,
כ'רוף אין איינזאַמקײַט צו דיר,
כאָטש וועסט קיין מאָל ניט דערהערן.

אין חצות־שעה

כ׳זע דיך, טײַערע, דורך טרערן,
כאָטש ביסט װײַט אַזױ, מײַן טרױם,
װײַטער נאָך פֿון זון און שטערן,
װײַטער נאָך פֿון צײַט און רױם.

כ׳הער אין חצות־שעה, פֿלאַם־פֿאַרצערטע,
דײַנע ממעמקים־רײד;
„װאָס װעט װערן, אָ, באַשערטער
מײַן, פֿון דיר, װען אָפּגעשײדט
כ׳װעל שױן זײַן אין שטיל־באַרוטער
װעלט פֿון רחמים און פֿון גנאָד?

איך װעל דאָרט, געהילט אין קדושה,
תּפֿילה טאָן פֿאַר דיר צו גאָט״.

סיי־ווי

ווען ס'זאָלן גאָר אָן שיעור
מיר לעבנס זײַן באַשערט —
כ'וואָלט חלומען פון דיר
סיי־ווי ניט אויפגעהערט.

געלייטערט אין פלאַמען

פון זינט דײַן אַש צעזייט איז איבער אַלע זיבן ימען
אויף דײַנס אַ רמז-צייכן כ׳וואַרט טאָג-אויס, טאָג-אײַן;
גייסט אויף אַצינד אויף שוועל מײַנער, געלײַטערטע אין פלאַמען,
גייסט אויף אין אָרעאָל פון מיסטעריעזער שײַן.

ברענגסט גרוסן פון פאַרפײַניקטע אין געטאָס און קאַצעטן,
פון די, וואָס אומקום האָט באַגעגנט זיי אין שלאַכט,
פון די, וואָס האָבן אויסגעקוקט, ס׳זאָל ברענגען ווער זיי רעטונג
ווען ס׳האָט דער טויטנצוג קיין אוישוויץ זיי געבראַכט.

דערצייל זשע זיי פון צער מײַנעם וואָס טיפער איז פון ימען,
דערצייל פון גאָר מײַן עלנט זיי, פון גאָר מײַן פּײַן,
און זאָגן זאָלסט, איך בין מיט אײַך, געהייליקטע אין פלאַמען,
ביז לעשן זיך עס וועט פון אויג מײַנעם די שײַן.

◆

יונה תמה

כ׳שענק בקדושה ובטהרה
דיר, מיַין איינציקע, דעם שיר ;
ווייסן ווייס דער שוכן מרום
ווי איך גאַר צו דיר, מיַין ציר.

ס׳וואָלטן טאָלן, בערג און ימען
ניט קיין צאַמען זיַין פאַר מיר —
פירט, מיַין טויב, מיַין יונה תמה,
שוין פון לאַנג קיין וועג צו דיר.

אַז כ׳האָב דיך לעד פאַרלאָרן,
איז מיר יעדער פרייד פאַרווערט ;
וואָך דו בלײַבסט אין מיַין זכרון
וו׳לאַנג ס׳וועט טראָגן מיך די ערד.

כ׳שענק בקדושה ובטהרה
דיר, מיַין איינציקע, דעם שיר ;
ווייסן ווייס דער שוכן מרום
ווי איך גאַר צו דיר, מיַין ציר.

ים־ווינטן

אַז אויך דו האָסט מיך פֿאַרלאָזן
שײַנט מײַן מזל שוין ניט מיין.

זוכן דיך כ׳וואָלט זיך געלאָזן
איידער ס׳נעמט מײַן טאָג פֿאַרגיין,

האָבן ים־ווינטן פֿאַרבלאָזן
דיך, מײַן פֿייגעלע מײַן שיין.

◆

ווי אין וואָר

אַזאַ ליבשאַפט, אַ, קינד,
אין מײַן האַרץ זיך צעקוואַלט,
אַז כ׳פאַרטרוי עס אַצינד
יעדן בוים דאָ אין וואַלד.

אַזאַ שטילקייט אַרום,
אַזאַ הייליקע רו.
טיף באַזעלט און גאָר פרום
צו דער ערד איך פאַל צו.

און מיט אויגן פאַרמאַכט —
איך פאַרזינק אין געבעט,
און אין שטילקייט פון נאַכט —
כ׳הער אַ שטים צו מיר רעדט:

— „ס׳איז דײַן לאָגל פון פײַן
נאָך ניט פול ביז צום ברעג,
אויב געלײַטערט ווילסט זײַן —
קער ניט אָפּ פון דײַן וועג.

נעם מיט פרייד אָן דײַן שטראָף
וואָס איז גרויזאַם אַזוי,
גיי אַנטקעגן דײַן סוף
מיטן פולסטן פאַרטרוי״ . . .

איך דערזע דײַן געשטאַלט,
דײַנע אויגן אין גלי,
און דײַן פּנים עס שטראַלט
מיט אַ שײַן פון ניט הי.

נאָר עס שרעקט מיך, מיר דאַכט,
האָסט מיך גאָרניט דערקענט;
ווי איך וואָלט ניט געוואַכט
איבער דיר ביז צו ענד. . . .

ס'איז דײַן בליק אַזוי שטאַר
ווי צו מיר ניט געווענדט;
און פאַרזונקען אין צער —
דײַנע קלאָר־ווײַסע הענט.

— „אָ, מײַן זיווג, איך רוף,
ס'איז קיין רו מיר באַשערט
זינט דײַן לויטערן גוף
האָבן פלאַמען פאַרצערט.

פון דאַן אָן, ווייסן זײַ,
גייט קיין טאָג ניט פאַרבײַ
און קיין נאַכט ניט פאַרשווינדט
כ'זאָל ניט זען דיך, מײַן קינד,

אין מײַן קלאָרן געדאַנק,
אין מײַן דמיון צעהעלט,
כ'זאָל ניט הערן דײַן גאַנג
איבער דיל פון מײַן צעלט".

— „כ׳בין מיט דיר אין דײַן פּײַן,
אין דײַן לייד, אין דײַן וויי,
כ׳בין מיט דיר, חבר מײַן,
אין צעשייד און פאַרגיי״.

כ׳זאָג האַלב-וואָך-האַלב אין שלאָף:
— „אין פאַרלענד און רואין״,
און כ׳זע פּלוצעם, דײַן גוף
ווערט נאָך דינער פון דין.

איך פאַרשטעל מײַן געזיכט
און בעט שטום אויף מײַן ענד,
ביז כ׳וואָך אויף אומגעריכט
פון דײַן ליכט נאָך פאַרבלענדט.

העל און העלער זיך צינדט
אַרום מיר דער קאַיאַר;
זען איך זע דיך סײַ-ווי
ווי אין וואָר, ווי אין וואָר.

איך וואַרט אויף אַ צייכן

איך טו בדחילו תפילה
צו זײַן דײַן אָנדענק ווערט,
און כ׳בין זיך שטיל מכניע
דעם גזר וואָס מיר באַשערט,

צו זען דיך פאַר די אויגן
אין שעהן פון מעת־לעת,
און וויסן אַז פאַרפלויגן
ביסטו אין לאַנד פון נס,

אין לאַנד פון גוטן היטער,
פון רחמים און פון רו,
וואו ס׳הויערט קיין געוויטער
אויף שעפעלעך ווי דו.

צו זען דײַן פנים בלייכן
און שטאַרבנדיקע הענט —
ביז ס׳וועט מיר קלאָר א צייכן
מרמז זײַן מײַן ענד.

◆

בענקשאַפט

אַז ביסט, ליבסטע, אַוועק,
איז געקומען די שרעק
אין געהיים, שטילערהייט,
און איר נעץ אויסגעשפּרייט.

אַז פאַרגאַן ביסט, מײַן לאַם,
איז מײַן אומעט אָן צאַם,
איז מײַן צער טיפער ים
און מײַן בענקשאַפט אַ פלאַם.

אַז מײַן טאָג נעמט פאַרגיין
דאָ אויף באָדן פון שטיין —
טוט דײַן דמות בלענדיק-ווײַס
פאַר מײַן אויג זיך אַ ווײַז.

איך פאַרנעם ווי אין וואָר,
ס'רופט דײַן שטים אַזוי קלאָר:
„זיווג מײַנער, ניט גלויב,
אַז געוואָרן איז שטויב

פון מײַן גוף. טרײַ איך היט,
אָ, מײַן פרײַנד, דײַנע טריט,
כאָטש מײַן רואָרט — ווײַט-ווײַט,
אויסער רוים, אויסער צײַט.

כ'האָב דורך נעכט און דורך טעג
דיך באַגלייט אין דיין וועג,
אומגעזען, אומגערירט
דורך געפאַר דיך געפירט" . . .

„און אַצינד, אָ, פאַרגיב,
קלינגט דײַן שטים אַזוי טריב,
אַזוי פול מיט געוויין,
איך מוז ווידער פאַרגיין".

אַז אַוועק ביסט אין פלאַם,
ווי דײַן פאָלק, ווי דײַן שטאַם —
איז אויף זינדיקער ערד
מיר קיין טרייסט ניט באַשערט.

אַז ביסט לאַנג שוין ניט הי,
שײַנסט אַלץ העלער סיי־ווי
אין מײַן טרוים, אין מײַן ליד,
אין מײַ דמיון צעגליט.

שטילע לאָם

ניט געוואָלט האָסט
איין־אַליין פאַרבלײַבן
אויף גאָטס וועלט, אָן עדה דײַן,
מײַן שטילע לאָם;
האָסט געלאָזט אין
בונקער זיך פאַרטרײַבן
און געהייליקט נאָמען פון
דײַן קרבן־שטאָם.

מיינע אַלע וועגן

מייַנע אַלע וועגן
זיי פירן צו דיר,

מייַנע אַלע חלומות
זיך שפּיגלען אין דיר.

מייַנע טעג זיי פאַרגייען
אין בענקשאַפט נאָך דיר.

כאָטש שוין לאַנג זיך בייַם שייַטער
געזעגנט מיט דיר,

הער איך סיי־ווי דייַן שטים נאָך:
„אַ טייל כ'בין פון דיר".

כל עצמותי תאמרנה:
„ווי טריב ס'איז אָן דיר".

ס'איז אָן אָפּקום מייַן זייַן דאָ,
דערווייַטערט פון דיר,

נאָר פאַר ליב כ'נעם מייַן פּייַן דאָ,
אין טרייַשאַפט צו דיר.

כ'טו מיט גאָר מייַן נשמה
געהערן צו דיר

ביז כ'וועל אָפּגשיידט ווערן
אין רו לעבן דיר.

ס'ווינקען וויסט צו מיר שאָטנס:
„קיין תקומה פאַר דיר״ . . .

— זי ט'אין שאָטן פון אומקום
געוואַקסט איבער דיר

און באהבה געגעבן
איר לעבן פאַר דיר,

און עס האָט דיר קיין מוט ניט
געסטייעט, ווי דיר.

דיינע אַלע נסיונות —
קיין זכות ניט פאַר דיר.

ס'קען קיין עונש דיין זינד ניט
מכפּר זיין דיר״.

ס'טוט דיין דמות מיך באַגלייטן
אין גאַנג מיין צו דיר.

ס'ווערן בלאָס מיינע פּיינען
אין אַנבליק פון דיר.

פּליסטערסט שטיל: „ווייסן ווײַס איך
ווי הייליק כ׳בין דיר,

נאָר ניט גלייב, אַז צעשיידט כ׳בין
אויף אייביק פון דיר“.

— האָט דען פלאַם ניט קיין שליטה
געהאַט איבער דיר?

— כ׳בין ווי פריער, ווי פריער
אין טאָל דאָ מיט דיר“.

אַז פאַרוויִיט זײַנען לאַנג שוין
די שפורן פון דיר,

טאָ זאָל זײַן מײַן עלעגיע
אַ דענקמאָל נאָך דיר.

ס׳איז מײַן תפילה, כ׳זאָל קומען
אָן פגימה צו דיר.

◆

ניט ווי פריער

באַגעגנט האָסט דײַן קרבן־סוף מיט מוט און גבורה
און איך פאַרנעם אין רגעם איינזאַמע דײַן קול:
„איז וואָס, אַז ווײַטער נאָך פון ווײַט עס איז מײַן וואָרט,
כ׳וואָך סײַ־ווי איבער דיר, מײַן ליבער, ווי אַמאָל".

— זינט האָסט מיט תוהו־וועלט אויף אייביק זיך געזעגנט
איז אַלץ אַרום ווילד־פרעמד אַזוי און וויסט און גראָ;
עס שײַנט ניט זון ווי פריער, ס׳גייען קרום די רעגנס
און ס׳ציען זיך די טעג ווי אייביקײַטן דאָ.

דאָרט

ערגעץ דאָרט אין טאָל פון יאָמער
כ׳האָב געהאַט אַ פֿרײַנד;
ס׳האָט אַ ליכטשטראַל פון נחמה
העל פאַר מיר געשײַנט.

ס׳האָט אַ האַרץ פאַר מיר געציטערט,
פרײדיק־יונג געברויזט;
כ׳האָב מיט ליבסטער דורך געוויטער
דרײסט געשפּאַנט פאָרויס.

בײדנס הערצער פלאַמען רויטע,
גליאיקער באַגער;
אונדזער פרײַנדשאַפט טיף און לויטער,
לויטער ווי אַ טרער.

שטראַל פון האָפן האָט באַגלײט מיך
אין מײַן שווערן וועג,
און געמונטערט און געטרײסט מיך
אין די טריבע טעג.

האָט פאַרלאָשן זיך דער שטראַל שוין,
און מיט אים מײַן פרייד;
מײַנע טרוימען און פאַרלאַנגען
מיטן ווינט פאַרוויינט.

ערגעץ דאָרט אין טאָל פון יאָמער
האָט מײַן גליק דערוואַכט;
איז געווען דאָס בלויז אַ חלום
אין אַ ווינטערנאַכט?

טריבע רגעס

אין רגעס טריבע, ווען פון וועלט כ׳וואָלט געגרן זיך באַהאַלטן,
שײַנסט פּלוצעם אויף פּאַר מיר — און גאָר מײַן פּײַן פאַרבלאַסט;
אָט שטייסטו אין מײַן צעלט, מאַרטירערין, אַ ווײַס-צעשטראַלטע,
געקומען ביסט פון ווײַט געווים צו מיר צו גאַסט.

זע, ס׳שלײַכן שאָטנס זיך געשפּענסטיק-ווילד אויף ווענט די שטומע
און פון איעדן ווינקל ווייט מיט אַנגסט און צער;
כאָטש אויסגעמיטן כ׳האָב דורך נס דעם גורל פון מײַן אומה,
עס הויערט אַלץ נאָך איבער מיר דער ווּיסטער גזר.

כ׳ברומט באַנג אַזוי דער ווינט. אין דרימל אַלע ווענן, שטראָזן.
עס לעשט אַ שטערן זיך אין הימל וואו ניט־וואו;
קום לאָמיר איצטער, פרוי מײַנע, דעם טרערנטאָל פאַרלאָזן
און גיין בײַנאַנד אין לאַנד פון שלום און פון רו.

מדבר־דאָרן

זינט נסתּלק ביסט געוואָרן,
איז ניט ניחא מיר די שײַן;
עלנט ווי אַ מדבר־דאָרן
כ׳בין אָן דיר, געליבטע מײַן.

ס׳טרעפט, ווען נאַכט איר טרוים נעמט שפּינען,
רופסט בלחש: „ווײ און ווינד,
טוסט קיין פרייד זיך ניט פאַרגינען,
קומסט אַלץ אָפּ — פאַר וועלכע זינד?"

זינט נסתּלק ביסט געוואָרן
איז ניט ניחא מיר די שײַן;
עלנט ווי אַ מדבר־דאָרן
כ׳בין אָן דיר, נשמה מײַן.

אין רגעס פון חסד

כאָטש איינס

איך וויל עס זאָל אַ ליד כאָטש איינס נאָך מיר פאַרבלײַבן
ווען לעשן זיך עס וועט, אַלמעכטיקער, פאַר מיר די שײַן,
ווען כ'וועל ניט פּרוּוון מער ווי פּערל ווערטער קלײַבן,
געדאַנקען פורעמען אין פערזן-שורות, בורא מײַן.

ווען כ'וועל אַוועק אַהין, פון וואַן קיין וועג וועט פירן,
אַהין וואו ס'טוט ניט רופן שוין צו דיר קיין מענטשנשטים;
און וואָס איז דען מיר נאָך געבליבן צו פאַרלירן
אַחוץ אַ ליד, וואָס מיטנעמען מיט זיך כ'וועל, אלהים?

אַזוי פיל זיך אַרײַנגעטראַכט אין זין פון לעבן.
ווי שווער עס איז אַ פּיתרון צו געפינען, אַ באַשייד;
נאָר וויסן כ'ווייס, מײַן האַר, פיר איילן וועט מען געבן
ווען, זאַט מיט צער און זאַט מיט לייד, כ'וועל אויסגיין שטילערהייט.

באַשער, אַ, אייביקער, ניט ווערן כ'זאָל פאַרגעסן
ווי ס'ווערט פאַרגעסן ס'בלאַט, וואָס פאַלט אין האַרבסט אַראָפּ פון בוים.
ווען כ'וועל שוין רוען אין די ספערן דאָרט פון חסד,
זאָל אינעם ליד מײַנעם זיך שפּיגלען נאָך מײַן העלער טרוים.

◆

קיין תקומה

אָ, איר, וואָס אין מאַנטלען פון ריכטערס זיך הילט,
און משפּט אַ שטאַם, וואָס בקדושה פאַרגאַנגען,
וואו זייט איר געווען ווען צעיושעט און ווילד
באַפאַלן אים זײַנען די טמאים, די שלאַנגען?

מיט צונג מיט פאַרשײַטער, מיט גיפטיקן מויל
איר זײַט זיי, די הייליקע, ריינע, מבזה;
וואו זײַט איר געווען ווען עס האָט ימח שמו
אין בונקערס און גריבער געטאָן זיי פאַרגאַזן?

קיין תקומה פאַר אײַך, אָ, איר „קלוגינקע" לײַט.
איר וועט סײַ-ווי-סײַ זיך אליין נאָך פאַראַכטן;
ס'וועט לײַכטן אַן אָש-זײַל ביז אחרית פון צײַט
דער לויטערער זכר פון שטאַם אומגעבראַכטן.

איז וואָס?

איז וואָס, אויב פרי אַזוי זיך לעשן וועט מײַן לעבן?
עס ווערט בײַם אויפגיין שוין געחתמעט דער פאַרגאַנג;
מיר דוכט, מײַן ניגון וועט אין חומר־וועלט נאָך שוועבן,
ווען כ׳וועל מיט מײַנע צאָן קדשים זײַן שוין לאַנג.

מגילות

דורך וואָגלוועג דאָרניקן, שווערן
דורך וואַנדער וואו וועלט האָט אַן עק,
דורך חורבן, דורך וויסטער צעשטערונג
עס שײַנט פאַר אונדז היימישער ברעג.

פון שפּאַניע ביז דור פון מאַידאַנעק,
געפּרואווט און געלײַטערט אין פּיין;
אַנטרונען דורך לענדער און ימען,
מיר זײַנען געבליבן צו זײַן.

דער טרוים פון דעם חוזה, דעם נביא
דורך דורות באַגלייט אונדזער שטאַם;
והיה באחרית הימים,
וועט הויזן אַ וואָלף מיט אַ לאַם.

עס ליכטיקט אין אונדזערע תּפילות
דער חלום צו ווערן דערלייזט;
די אַלטע כּתב־ידן, מגילות,
זיי וועקן אַ האָפ׳נונג, אַ טרייסט.

אין רגעס פון חסד

פון ארץ הדמים
אנטרונען בין קוים;
ס'טרעפט, כ'הער א קול-דממה
האלב-וואך, האלב אין טרוים:

„דעם אייביקנס דרכים
דערגיין פרואווסט אומזיסט;
אין אים האב בטחון
ביז קרייז דיין זיך שליסט".

אין רגעס פון חסד
דו טרייסט מיך, מיין גאט,
נתגלה ווערט ווערן
דיין ליכטיקער סוד.

טײַמס־סקווער

עס שטעכן וואָלקנקראַצער־שפּיצן דורך מאַנהעטנס לויטער־בלויען הימל,
עס קוקן קאַטעדראַל־קופּאָלן פּאַרכטיק־פרום אַרויפצו צו די הייכן;
אויף עוועניוס און גאַסן יאָגן, יאָגן אויטאָס זיך מיט אימפּעט ווילדן.
אַ טויב שטייט אויף אַ דאַכגעזימס, קוקט אום זיך און פאַרשווינדט ווי
לויט אַ צייכן.

חצות. עס שטראָמט אַ מענטשן־ים אויף שפּיגל־גלאַטע טײַמס־סקווער
טראָטוארן
באַגלײַט פון דזשעז־קלאַנגען, וואָס טראָגן הילכיק זיך פון נאַכט־קלובן
בראָדווייער.
און זע, אין לופט אַ האַנט מיט פײַער־אותיות שרײַבט: נאָך חורבן
נוקלעאַרן
אַ בראשית נײַער אויפגיין וועט פון תוהו־שטויב — געהילט אין רחמים־
שלייער.

◆

פון דור צו דור

א וואָרט אַזאַ — אַ צויבערקלאַנג
וואָס בענקשאַפט וועקט, אַ טרוים־פאַרלאַנג,
מיט פאָרכט געהיט פון דור צו דור,
אַ חלום, וואָס געוואָרן וואָר.

אַ וואָרט אַזאַ — אַ גרוס פון לאַנד
וואו זון פון אמוץ האָט געשפאַנט,
פון זאַמדיק־וויסטער מדבר־ערד,
וואָס האָט דעם תחיה־רוף דערהערט.

אַ וואָרט אַזאַ — ס'פאַרקלעמט ביז טרער.
מײַן פאָלק, דו ביסט אָן היים ניט מער;
ס'איז ציון־לאַנד, אַ, אומה מײַן,
אויף אַלע אייביקייטן דײַן.

◆

עס טרעפט

פאַר משה עטינגער

עס טרעפט, פון דײַן טרוים
ווערט אַ תל,
אין חשכות פאַרהילט
דײַנע וועגן,
און פּלוצעם — דיר ווערט
אַזוי העל,
ווען ס׳קומט דיר אַ פרײַנד
אָן אַנטקעגן.

◆

געהילט אין יראה

ס׳מורמלט וואַלד, געהילט אין יראה;
„זײַ מיט גנאָד מיך דן, השם״.
און ס׳פֿאַרגייט זיך ווינט, אַ לירע,
„האַר פֿון וועלט, וואַלדס צער פֿאַרנעם״.

ס׳ברומט אַ ליד דער ווינט, אַ הימען
צום באַשעפֿער פֿון אין־סוף;
אין די הייכן שווימען, שווימען
וואָלקנדלעך ווי סטאַדעס שאָף.

— „לאָז די ביימער ניט פֿאַרצערן״,
זמרט זים אַ פֿויגל בלוי,
טו, אל רחום, זײַ באַשערן
ברכה־רעגן, זון און טוי״.

פּנה יום. אַ שטים געהיימע
אינעם הימלרוים זיך טראָגט:
„בענטש דעם וואַלד, אָ, עתיק־יומין,
ר׳זאָל ניט ווייסן פֿון קיין פּלאָג.

דער וואַלד

גערילט אין אנגסט און מורא
מתפלל איז צום בורא
דער וואַלד.

טו, אייביקער, זײַן פײַן זען
און משפט אים מיט אײַנזען
דעם וואַלד.

אָ, שופט אַלגערעכטער,
פאַרנעם די תפילות עכטע
פון וואַלד.

אין נויט־שעה, בורא עולם,
ניט טו דײַן גנאָד פאַרהוילן
פון וואַלד.

אין שטורעם, אין געוויטער
באַשירעם, גוטער היטער,
דעם וואַלד.

זאָלסט, גאָט, דעם דונער בינדן,
ער זאָל קיין פלאַמען צינדן
אין וואַלד.

ניט לאָז זײַן קרוין פאַרצערן,
טו קרעפטיקן און נערן
דעם וואַלד.

אָ, האַר, וואָס בײַטסט די זמנים,
מיט רחמים זײַ זשע דן אים,
דעם וואַלד.

◆

ביימער דאַוונען

אין ווײַס געהילט עס דאַוונען שטיל די ביימער.
זיי שאָקלען פרום זיך, וויגן הער־און־הין;
איעדער בוים צום הימל פליסטערט לאמר:
„מײַן תפילה, גאָט, פאַרנעם אין טאָג פון דין.

ניט לאָז מײַן שטאַם פאַרטריקענען, פאַרוויאַנען,
ניט אויסגיין כ׳זאָל חלילה פאַר דער צײַט;
אָ, האַר פון אַלצדינג וואָס איז נאָר פאַראַנען,
אין טאָג פון דין דײַן חסד ניט פאַרמײַד.

אַ שוץ מיר זײַ, דערבאַרעמדיקער היטער,
אין רגעס פון סכנה, פון געפאַר;
באַציר מיט בלעטער מיך מיט גרין־צעבליטע,
מיט פרות זיס טו בענטשן מיך, מײַן האַר״.

אין פאַרכט געהילט עס דאַוונען שטיל די ביימער,
זיי שאָקלען פרום זיך, וויגן הער־און־הין;
איעדער בוים צום הימל פליסטערט לאמר:
„מײַן תפילה, גאָט, פאַרנעם אין טאָג פון דין״.

◆

פרילינג

פונעם ווינטער שוין קיין סימן
ניט פאַראַן, קיין צייכן;
וואָלקנדלעך ווי שוואַנען שווימען
אין די הימל־הייכן.

ס'שימערן אין גאָלדיק־העלן
זונליכט די נאַרציסן;
צאַרטע, זיסע פויגלטרעלן
ווי אַ תּפילה פליסן.

וואַסערל, פאַרוויגט אין חלום,
זילבערבלוי זיך מיניעט;
פרישער טוי דערקוויקט די גראָזן
דינע, סאַמעט־גרינע.

פריידיק־פרום עס זינגען שירה
טאָל און באַרג און היגל;
הימל, אַ יריעה בלויע,
אינעם טייַך זיך שפּיגלט.

פרילינגווינט, אַ מאַנדאָלינע,
הלל־לידער ניגונט;
שלווה־רו געבענטשטע, שטילע
דעם אַרום באַפליגלט.

◆

מיך ציט אַהין

מיך ציט אַהין,
וואו פעלד איז גרין,
וואו בוים צו בוים
פאַרטרויט אַ סוד,
וואו טײַכל בלוי
פליסט שטיל אַזוי,
וואו זילבערצוויט
אין טוי זיך באָדט.

אַהין, דאָרט וואו
עס מורמלט קוואַל,
וואו גאָלד'נעם זאַנג
עס קושט אַ שטראַל,
וואו ס'וויט מיט בעז
און מיט היאַצינט,
וואו סאַזשלקע
איר חלום שפּינט,

וואו ווינטל צאַרט
די גראָזן וויגט,
וואו פאַרכטיק באַרג
צום הימל בליקט,
וואו סאָלאָוויי
אַ ליד פאַרציט.
וואו פּורפּור-רויט
די שקיעה גליט.

◆

כביכולס גנאָד

ס׳טריפט שקיעה־גאָלד
אויף פעלד און בוים.

שטיל־שטיל אַרום
ווי אין אַ טרוים.

עס ווייט אין לופט
מיט שלווה־פרייד.

כביכולס גנאָד
אויף אַלץ זיך שפרייט.

בין־השמשות

פרילינג־אָוונט.
צאַרט־פֿאַרבענקט
אַ קלאַנגשטים פֿון
אַ קוקו רופֿט ;
הערן פלאַטערלעך
זיך צו,
שוועבנדיק פרײַ־פרײַ
אין לופֿט.

שטיקער פרייד

אצינד, ווען אוונט בלויט
אין זונפארגאנג
און ס'מיניען זיך אין שקיעה־רויט
די בלומען,
דערשפירט כ'האב שטיקער פון
מײַן פרייד,
וואס איז פון מיר שוין לאנג
מיט הארבסטן טרוי'ריקע
פארשוואומען.

שבעה שירים

כיסופים

עייף אני
עד-למאוד
מניסיונות.
אלי מנוחה
נפשי נכספת כה.
תהא נא זו
שפירושה :
שערי-קדושה,
גם : אור גנוז
מימי בריאת תבל,
סודות כמוסים,
רזי-רזים
המתגלים
לילוד-אשה
אי-שם בשמי-האל.

◆

אַךְ לא

ולעתים
רוצה אני להיות
קוו־אור,
ענן,
אבנון אפור,
צנוע,
אגל־טל
או רוח קל,
אך לא
בשר ודם,
אֵלִי,
בורא עולם.

◆

נזכור

אכן לא נשכח
קרבנות השואה,
קרבנות גיטאות
ומחנות-השמדה —
מיליוני הקדושים
אשר במותם
החיים ציוו לנו.

כל עוד רוח בנו
נשמור אמונים
לזכרם הברוך
שיזהיר ככוכב
לעמנו עד נצח ;
נקום, אל עולם,
את דמם השפוך,
אל תדום, ה׳,
אל תסלח על הרצח !

◆

הגן

נא אמרי לי, אהובה,
למה את כה עצובה?
חרובה ניצבת דום,
מביטה בשמי מרום.
שקט, שקט, דומיה.
את אמרי לי, שקדייה,

את הגידי, ענוגה,
למה את כל־כך נוגה?
שקדייה ניצבת דום,
מביטה בשמי מרום.
שקט, דומיה, בצד
תאנה עומדה בדד.

מה לך, מה לך, עדינה
כי מראך כה נשתנה?
תאנה ניצבת דום,
מביטה בשמי־מרום.
בדממה בוכה הגן,
צר לי, צר על כל אילן.

יום הדין לאילנות

ט"ו בשבט. החורשה בודדה, שוממה.
„הנה בא יום הדין", לוחשים באימה

העצים הרכים, ולפתע פתאום
אי־משם רוח קל בא וחרש יהום;

„נא בטחו, אילנות באל חי וקיים,
כי חנון ורחום הוא רבון העולם".

יום פנה. רוח קל לחורשה שב מהר.
„אילנות יקרים, הנני לבשר;

זה עתה לי סיפרו מלאכי אל שדי
שכולכם לחיים נכתבתם, מחמדיי".

אך כילה שליחותו ונעלם המבשר,
ושמחת העצים מי יוכל לתאר?

תפילת העצים

„חום עלי, אדון עולם,
מתפלל כל עץ דומם,

נא שמרני, אל צבאות
מברקים ומסופות,

מברד, שרב וכפור.
אל תמנע ממני אור,

גשם, טל, לבל אבול,
לבל אגווע, יוצר הכול,

בלא עתי. היה אתי
אלהי ישועתי".

נא רצה, הרחמן,
תפילת עצי הגן.

למענך נא הושיעם,
אל נא תעזבם, השם.

לירושלים

שירו נא בשמחה
ובגיל, רבותי,
לבירה הכבודה
בה חנה בן־ישי,
בה חלם ישעיה,
נביא־יה, על עידן
של אחווה וריעות,
של שלום וחירות,
על עידן בו תמלא
כל הארץ דעה
את השם. זמרו נא
לבירת ישראל,
לקריה הברוכה
בה שרוייה שכינת־אל.

אינהאַלט

כ׳קלייב צוזאַמען — 3

גזר

מיין גורל — 9
אַוועקגעפּלאָטערט — 10
זייט מוחל — 11
אין הייל — 12
אויף פרעמדער ערד — 13
וואוהין ? — 15
זיבן זונען — 16
פּאַרעטש — 17
צייכענונג — 19
ליד פון אַ פּליט — 21
בדחילו ורחימו — 24
פון תהומות — 25
דו פעלסט מיר אַזוי — 27
מיין טרויער — 28
ווי קען איך ? — 29
ממעמקים — 30
כ׳וואָלט וועלן דאַנקען — 32
ביז סוף פון מיינע טעג — 34
איך זוך אַ שפּור — 36
ביים שיידוועג — 38
אָן אַ היים — 39
האַרבסט — 40
צוואה — 41

צו דיר

צו דיר — 45
אין חצות־שעה — 47
סיי־ווי — 48
עלייטערטע אין פלאַמען — 49
ונה תמה — 50
ם־ווינטן — 51
ווי אין וואָר — 52
איך וואַרט אויף אַ צייכן — 55

בענקשאַפט — 56
שטילע לאַם — 58
מיינע אַלע וועגן — 59
ניט ווי פריער — 62
דאָרט — 63
טריבע רגעס — 65
מדבר־דאָרן — 66

אין רגעס פון חסד

כאַטש איינס — 69
קיין תקומה — 70
איז וואָס ? — 71
מגילות — 72
אין רגעס פון חסד — 73
טיימס־סקוועער — 74
פון דור צו דור — 75
עס טרעפט — 76
געהילט אין יראה — 77
דער וואַלד — 78
ביימער דאַוונען — 79
פרילינג — 80
מיך ציט אַהין — 81
כביכולס גנאָד — 82
בין־השמשות — 83
שטיקער פרייד — 84

שבעה שירים

כיסופים — 87
אך לא — 88
נזכור — 89
הגן — 90
יום הדין לאילנות — 91
תפילת העצים — 92
לירושלים — 93

◆